NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02870

# IN TOL

Esther Shumiatcher-Hirschbein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אסתר שומיאַטשער

# אין טאָל

א קינדערשפיל אין דריי בילדער

פארלאג אידיש ניו־יארק

# אין טאָג

## פ ע ר ז אָ נ ע ן

**אסתר** : עלף יאָהר

**פעסעלע** : צוועלף יאָהר

**יוסעלע** : אַכט יאָהר

**חנה׳לע** : זעקס יאָהר

**דער מענש**

**די אַלטע פרוי**

# ערשט בילד

אַ קינדער־צימער רייך אויפגעקליבען. רעכטס און לינקס טירען. שפּעטלאך אין אָווענט. זומער. אין צימער ברענט אַ לאָמפּ.

אסתר:

קלייבט זיך געהן שלאָפען. שטעהט ביים שפּיגעל און קעמט איהרע האָר.

פּעסעלע:

קומט אַריין. פירט ביים האַנט איהר שוועסטער חנה'לע. בלייבען ביידע אין טיר און קוקען מיט ליבע צו אסתר'ן.

אסתר:

דערזעהט זיי אין שפּיגעל. קוקט זיך אום. **מיט צערטליכקייט.**

אזוי שפּעט?

חנה'לע:

רייבט די אויגען.

די מאַמאַ ניטאָ אין דער היים.

אסתר:

און דער טאַטע?

חנה'לע:

אויך ניטאָ.

אסתר:

איהר האָט ניט מורא ביינאַכט?

פּעסעלע:

ס'האָט זיך אַזוי געבענקט.

ס'איז אַזוי גרויס אונזער היים. כ'האָב מורא!

אסתר:

אונזער היים איז אויך גרויס, כ'האָב אויך אמאָל מורא.

פעסעלע:

דער גרויסער לאָמפּ אין זאַל ברענט אזוי ליכטיג און קיינער איז ניטאָ.

אסתר:

וואו איז יוסעלע?

חנה'לע:

יוסעלע שלאָפט.

פעסעלע:

מיר ביידע האָבען זיך ארויסגע'גנב'ט. מיר זיינען שוין אויך גע־לעגען אין בעט.

אסתר:

ניט גוט: די מאַמע וועט זיך דערוויסען. איהר האָט באַדאַרפט נעמען יוסעלען מיט.

פעסעלע:

ער האָט ניט געהערט ווי מיר האָבען זיך ארויסגע'גנב'ט.

אסתר:

ניט גוט האָט איהר געטאָן.

חנה'לע:

יא טאַקי ניט גוט. די מאַמע וועט זיך דערוויסען.

אסתר:

די מאַמע וועט זיין אין כעס.

פעסעלע:

אפשר זאָלען מיר שוין געהן.

אסתר:

איין ביסעלע וועט איהר זיין מיט מיר. פאַרוואָס האָט איהר שוין יוסעלען אויך ניט מיטגענומען?

פעסעלע:

ער איז א שלעכטער. ער האָט היינט דערצעהלט אזוינע שלעכ־טע זאַכען.

חנה׳לע:

ער זאָגט אז גאָט וועט מיך מאַכען פאר א בער.

אסתר:

ער וויל דיך נאָר איבערשרעקען.

חנה׳לע:

שטענדיג פאר׳ן שלאָף דערצעהלט ער שלעכטע זאכען.

אסתר:

אז מען דערצעהלט מעשיות פאר׳ן שלאָף, וועלען חלומות ד׳עם שלאָף אוועקטרייבען. אזוי זאָגט מיין באָבע.

חנה׳לע:

בערען בייסען מענשען, צי ניט?

אסתר:

איך קלער אז גוטע מענשען בייסען בערען מסתמא ניט.

חנה׳לע:

און שלעכטע?

אסתר:

מיט שלעכטע מענשען חבר׳ן זיך בערען ניט.

חנה׳לע:

בין איך א גוטער מענש?

אסתר:

דו ביסט א קינדעלע. אלע קינדערלאך זיינען גוטע.

ליינט זי אנידער אויפ׳ן בעט און קיצעלט זי.

חנה׳לע:

לאַכט.

אוי בערען געהען... כי־כי־כי.

אסתר:

איצטער, קינדערלאך, געהט אהיים. איהר האָט יוסעלען גע־לאָזט אליין.

חנה׳לע:

אפשר איז די מאמע געקומען און איז מיט איהם.

אסתר :

ווער האָט איהם געלייגט שלאָפען ?

חנה׳לע :

די מאַמע.

פעסעלע :

די מאַמע האָט אונז אַלעמען געלייגט שלאָפען.

אסתר :

נו האָט איהר זיך אָנגעטאָן צוריק און ארויס פון שטוב ?

פעסעלע :

יא, אודאי.

אסתר :

די מאַמע וועט זיך בייזערען.

פעסעלע :

אונזער מאַמע איז אַ גוטע.

חנה׳לע :

דער טאַטע איז אויך אַ גוטער.

פעסעלע :

איך וואָלט אַזוי וועלען, אַז אסתר זאָל האָבען אַ מאַמען.

חנה׳לע :

פאַרוואָס האָב איך אַ מאַמען און אסתר האָט ניט ?

פעסעלע :

שוין לאַנג אַז אסתר האָט ניט קיין מאַמען.

אסתר :

איך האָב קיינמאָל מיין מאַמען ניט געזעהן.

חנה׳לע :

איך זעה טאַקי מיין מאַמען אַלע מאָל.

אסתר :

מיין מאַמע איז פון מיר אַוועק, ווען איך בין נאָך אַ קליינע געוועזן. אַזוי זאָגט מיין באָבע.

פעסעלע :

טאַקי קיינמאָל ניט געזעהן.

**אסתר:**

איך האָב מיין מאַמען אין הימעל געזעהן.

**פּעסעלע:**

אין הימעל גאָר...

**חנה'לע:**

וועט זי קומען צו דיר?

**אסתר:**

איך ווייס ניט.

**חנה'לע:**

הויב אָן צו וויינען, וועט זי קומען.

**פּעסעלע:**

און דער טאַטע זאָגט דיר גאָר ניט פון דער מאַמען?

**אסתר:**

קיין מאָל ניט. איך האָב איהם אמאָל געבעטען, אַז איך וויל א מאַמען.

**פּעסעלע:**

וואָס האָט ער געזאָגט?

**אסתר:**

איך טראַכט, אַז ער האָט געוויינט.

**חנה'לע:**

א טאַטע קען וויינען?

**אסתר:**

יא, אַז די קינדער האָבען ניט קיין מאַמען.

זיווישט די טרערען.

**חנה'לע:**

זעהסט, פּעסעלע, אסתר וויינט.

**פּעסעלע:**

אפשר וועסטו נאָך האָבען א מאַמען.

**חנה'לע:**

אַלע קינדער האָבען מאַמעס.

פעסעלע:
אז דו וועסט ווערען א גרויסע וועסטו שוין מעהר ניט באדארפען קיין מאמען.

אסתר:
און דער מאמען וועל איך אפשר קיינמאל שוין קיין גרויסע ניט ווערען. ווישט אויס די טרערען. קושט חנה׳לען. איך האב מורא, קינדערלאך, מען וועט זיך דערוויסען, אז איהר זייט אוועקגע־גאנגען פון שטוב... איהר ט׳אפשר...

יוסעלע:
באווייזט זיך אין טיר. ניט איינגאנצען אנגעטאן. קוקט אלע־מען אן מיט פארדרוס.

פעסעלע:
זעהט, זעהט, יוסעלע איז דא.

חנה׳לע:
יוסעלע, קום אריין.

יוסעלע:
איהר זייט טאקי שלעכטע, שלעכטע.

פעסעלע:
מיר זיינען נישט שלעכט. דו האסט געשלאפען, האבען מיר דיך ניט געוואלט וועקען.

אסתר:
קום צו מיר, יוסעלע.

יוסעלע:
איהר זייט שלעכטע.

חנה׳לע:
ס׳איז טאקי ניט אמת, אז איך וועל ווערען א בער. אסתר האט מיר געזאגט.

יוסעלע:
איך וויל ניט זיין כסדר מיט אייך. א אינגעל באדארף זיין מיט אינגלאך, און איהר זייט מיידלאך.

חנה׳לע:

דו ביסט א מיידעלשער אינגעל.

פעסעלע:

לאַכט.

יוסעלע:

אז איך וואָלט האָבען א ברודער, וואָלט איך מיט אייך ניט געוועז.

אסתר:

בעט דער מאַמען, וועט זי בעטען דעם מלאך ער זאָל איהר ברענגען א ברודערל, וועט דיר ניט זיין אומעדיג.

חנה׳לע:

די מיידלאך, וואָס אונטען, זאָגען, אז דער טאַטע איז זייער ברודער, און אז אַלע טאַטעס זיינען גרויסע ברידער צו די קליינע. יא, אסתר?

אסתר:

איך קלער אויך. ס׳איז גוט, אז א טאַטע איז א גרויסער ברודער.

פעסעלע:

ס׳איז אזוי שען!

חנה׳לע:

אונזער טאַטע קומט צו אונז ביינאַכט.

פעסעלע:

די מאַמע קומט צו אונז, ווען מיר ליגען אין די בעטען. זי קושט אונז אין שטערען.

אסתר:

ווער איז היינט באַנ׳אייך געוועז?

יוסעלע:

א סך מענשען געוועז.

פעסעלע:

איך האָב שטילערהייט געזעהען אין א שפּעלטעלע, אז אין דעם גרויסען עס־צימער האָבען דאָרט געזעסען א סך מענשען. די

מאמע מיט דעם טאטען זיינען אויך געזעסען. כ׳האָב אזוי גע־
וואָלט דאָרטען אויבעט זיין...

אסתר:
לאָמיר זיך זעצען אויף דרערד. איכ׳ל אייך דערצעלען וואָס
מיר האָט זיך געחלום׳ט.

די קינדער זעצען זיך אויף דרערד. אסתר אין מיטען.

יוסעלע:
אוי! מיר האָט זיך אמאָל געחלום׳ט, אז איך געה אין ים
זיך באָדען. הויב איך אָן צו שווימען, שווים איך אזוי גוט.
קומט צושווימען א גרויסער פיש און וויל מיך איינשלינגען.
האָט ער מיך אָנגעכאפּט פאר א פוס און שלעפּט מיך אזוי
טיף אין וואסער, און גרויסע פישען און קליינע פישעלאך
שווימען ארום מיר און ווילען מיך אויך איינשלינגען. האָב
איך זיך געגעבען אזא ריס און איך האָב זיך ארויסגעריסען.
קום איך אויפ׳ן דעק פון ים, זעה איך א גרויסע, גרויסע שטוב פון
ווייסע, רויטע און בלויע גלאז; און לעבען דער גרויסער שטוב
זיצט אן אלטער מאן מיט א לאנגער ווייסער באָרד. כי־כי־כי! אזא
לאנגע באָרד. קום איך אריין אינוועניג, זעה איך אסך קליינע,
קליינע אינגלאך, און א סך גרויסע אינגלאך. די גרויסע אינג־
לאך האָבען זיך געשפּילט מיט די גרויסע און די קליינע מיט די
קליינע. זאָגט צו מיר דער אלטער: אינגעל, מיט וועמען
ווילסטו זיך שפּילען? זאָג איך: מיט די גרויסע וויל איך זיך
שפּילען. טוען זיי אויף מיר א קוק און הייבען אלע אָן צו
לאַכען. כאַפּט מיך אָן א אינגעל און שרייט: ער איז אנטלאָ־
פען געוואָרען פון די פיש, זיי באַדאַרפען איהם אויפעסען...
און איך זעה, אז דער גרויסער פיש איז שוין ווידער דאָ, עפענט
דעם מויל און וויל מיך טאַקי איינשלינגען. אוי, האָב איך
ארומגעכאַפּט דעם אינגעל און געגומען אזוי שטיקען... כי־כי־כי!
צום סוף איז דאָס גאָר געווען א חלום. איך בין געלעגען אויף
דרערד און אזוי שטאַרק געהאַלטען ארומגענומען די קישען.
כי־כי־כי!

אלע לאַכען.

**חנה׳לע:**

אז איך שלאָף, האָב איך א חלום. שטעה איך אויף, געדענק איך איהם ניט.

**פעסעלע:**

איינמאָל חלום׳ט זיך מיר, אז איך האָב פארבלאָנדזשעט אין וואלד. ווי איך האָב אָנגעהויבען מורא צו האָבען, קומט צו מיר אנטקעגען א בער.

**אסתר:**

וואָס האָסטו געטאָן?

**פעסעלע:**

איך האָב געוואָלט אָנהויבען צו וויינען, קומט ער נעהענטער צו מיר און גיט מיר א גרויסע, ברייטע לאַפּע. איך קוק איהם אין די אויגען אריין, הויבט ער אָן צו לאַכען. ער זאָגט צו מיר: „ניט האָב מורא, קום, וועל איך דיר געבען עסען". האָט ער מיך געבראַכט צו א גרויסען בוים. ארום איהם זיינען געוועזען אסך קליינע בערעלאך און אסך גרויסע בערען און אלע האָבען געגעסען האָניג. יעדער בער האָט מיר געגעבען א קוש און אלע האָבען מיר געגעבען א מתנה, א גאַנצען שירץ מיט האָניג, — און אז זיי האָבען אָנגעהויבען גיסען די האָניג אין מיין שירץ, האָט פון שירץ גענומען רינען אויף מיינע פיס, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט.

אלע לאַכען.

**יוסעלע:**

זעהסט, פעסעלע, אסתר האָט געוואָלט דערצעהלען און מיר האָבען גאָר דערצעהלט.

**פעסעלע:**

דערצעהל, אסתר. איכ׳ל דיר שוין מעהר ניט איבערשלאָגען.

**אסתר:**

קוקט אויפ׳ן זייגער.

ס׳איז שוין שפּעט. אפשר וועט איהר געהן אהיים?

פּעסעלע :

דו ווייסט פאַרוואָס מיר זיינען געקומען ? מיר האָבען געוואוסט, אז דיר איז טאַקי אומעדיג אָהן דער מאַמען.

אסתר :

נעמט זיי אַרום. קושט זיי.

איהר זייט אַזוינע גוטע קינדער.

יוסעלע :

פּעסעלע זאָגט, אז די געהסט זוכען דיין מאַמען.

פּעסעלע :

טאַקי אמת.

אסתר :

יא, איך וועל געהן זוכען מיין מאַמען.

יוסעלע :

איכ'ל געהן מיט דיר זוכען. איכ'ל שוין געפינען.

פּעסעלע :

איך וועל אויך געהן.

חנה'לע :

איך אויך.

אסתר :

די מאַמע ווייסט, אז איהר קומט צו מיר ביינאַכט ?

פּעסעלע :

זי וויים ניט, אז דיר איז אומעדיג און אז אונז איז גוט מיט דיר.

אסתר :

איהר ווילט געהן מיט מיר זוכען מיין מאַמען ?

אַלע :

יא ! יא ! יא !

אסתר :

מיר איז אַזוי גוט מיט אייך.

יוסעלע :

ווען וועלען מיר געהן ?

פעסעלע:

לאָמיר גאָר געהן מאָרגען.

יוסעלע:

וואוהין וועלען מיר פריהער געהן?

פעסעלע:

אסתר ווייסט וואו. איהר האָט זיך טאַקי געחלום'ט וואו. זי האָט געוואָלט דערצעהלען, האָסטו איבערגעשלאָגען. אמת, אסתר, דיר האָט זיך געחלום'ט טאַקי, וואו צו געפינען דיין מאַמען?

אסתר:

יאָ.

יוסעלע:

דערצעהל אונז.

אסתר:

אפשר א מורא צו דערצעהלען. אפשר באַדאַרף קיינער ניט וויסען.

פעסעלע:

אפשר דאַרף מען טאַקי ניט?

אסתר:

מיר האָט זיך געחלום'ט, אז איך זיץ אונטער א בוים און וויין אזוי. ס'איז געווען ביינאַכט. איז צו מיר געקומען א מלאך און געקושט מיינע אויגען. א ווייסער מלאך איז ער געווען מיט גרויסע ווייסע פליגלען און ער פרעגט פאַרוואָס איך וויין.

פעסעלע:

וואָס האָסטו איהם געזאָגט?

אסתר:

אז מיין מאַמע איז ניטאָ, האָב איך איהם געזאָגט, און אז מיר איז שלעכט אָהן מיין מאַמען. בויגט ער זיך איין צו מיר און זאָגט מיר אזוי שטיל, אז איך זאָל געהן מיין מאַמען זוכען, וועל איך זי געפינען.. אזוי זאָגט ער מיר.

יוסעלע:

לאָמיר געהן!

פעסעלע:

וואו?

אסתר:

ער זאָגט מיר, אַז ס'איז דאָ הינטערען שטאָט אַ טאָל, אָרום מיט הויכע בערג. מיט בלומען און גראָזען.

יוסעלע:

בוימער אויך?

אסתר:

יאָ, קינדער, גרויסע בוימער. בוימער טאַטעס און בוימער מאַמעס.

יוסעלע:

ביסטו געווען אין טאָל?

אסתר:

אפשר איינמאָל בין איך געווען.

יוסעלע:

ווען?

אסתר:

ביינאַכט. יעמאָלט אין חלום.

פעסעלע:

האָסטו ניט מורא געהאַט?

אסתר:

אפשר אַ ביסעל האָב איך געהאַט מורא.

יוסעלע:

וואָס האָסטו דאָרטען געזעהען?

אסתר:

אַ טיפען טאָל מיט גרויסע בוימער און בערג.

יוסעלע:

ביסטו געווען דאָרט לאַנג?

אסתר:

ניין. אַז דער מלאך איז אוועקגעפלויגען, האָט אָנגעהויבען צו בליצען און דונערען, בין איך געלאָפען אַהיים. יעמאָלט ביינאַכט

האָט זיך מיר ווידער געחלום׳ט דער מלאך און האָט מיר געזאָגט, אז מיין מאמע ווארט שוין לאַנג אין טאָל, איך זאָל קומען. איך וויל אזוי געהן אהין.

יוסעלע:

מיר וועלען אַלע געהן.

אסתר:

איצטער וועט מיר ניט זיין אומעדיג אַליין. איהר וועט זיין מיט מיר.

חנה׳לע:

און אין טאָל דאָרטען ווייט איז אויך אזוי ליכטיג ביינאכט ווי ביי אונז אין דער היים?

יוסעלע:

אודאי! די לבנה און שטערען באַלייכטען דעם טאָל ביינאכט. עס מוז מסתמא זיין ליכטיג.

חנה׳לע:

בייטאָג איז דאָרטען אויך ליכטיג?

אסתר:

די זון לייכט. ס׳איז זעהר ליכטיג דאָרט.

יוסעלע:

אינגלאַך האָסטו דאָרטען געזעהן?

אסתר:

דאכט זיך, אז כ׳האָב דאָרטען געזעהן אזוינע גרויסע קינדער. און אַ טיפער, טיפער וואַלד. איהר וועט ניט מורא האָבען פאַר די בוימער דאָרט?

פעסעלע:

ניין, ניין.

יוסעלע:

איך אויך ניט. קום, אסתר, לאָמיר שוין געהן.

פעסעלע:

דו וועסט גאָר זיין אונזער מאמע, מיר וועלען זיין דיינע קינדער.

אסתר:

גוט. איהר וועט זיין מיינע קינדער.

חנה'לע:

איך וועל זיין א גוט קינד. וואס דו וועסט מיר הייסען, וועל איך טאן.

פעסעלע:

קושט אסתר'ן.

איך וועל דיך האבען טאקי אזוי ליב.

יוסעלע:

מיר וועלען באלד געהן. טו זיך אן, אסתר.

חנה'לע:

איך האב מורא!

אסתר:

פאר וועמען האסטו מורא?

חנה'לע:

איך ווייס ניט.

יוסעלע:

דו וועסט מיר לאזען קריכען אויף די הויכע בוימער?

אסתר:

יא.

יוסעלע:

דו וועסט ניט שרייען אויף מיר?

אסתר:

ניין.

פעסעלע:

איך וועל שוין היינטיגע נאכט גאר ניט קענען שלאפען.

יוסעלע:

איך וועל ליגען שטיל, שטיל, און צוהערען זיך צו דעם גרויסען זייגער ווי ער קלאפט.

אסתר:

אבער, קינדערלאך, קיינער זאל ניט וויסען, וואס מיר געהען טאן.

**יוסעלע:**

אסתר! איך זאָג, טו זיך אָן, לאָמיר איצטער שטילערהייט
אַרויסגעהן.

**פּעסעלע:**

אפשר טאַקי איצטער, אסתר. טו זיך אָן. איכ'ל דיר העלפען.

**יוסעלע:**

טו זיך אָן. איך וויים, אז מיר'ן געפינען.

**אסתר:**

*טוט זיך אין אייליגיש אָן.*

**יוסעלע:**

*צוטאַנצט זיך אויף איין פוס.*

אי גוט! אי גוט! שוין. אסתר האָט זיך אָנגעטאָן.

**אסתר:**

אָבער זעהר שטיל וועלען מיר אַרויסגעהן.

*מיט אַמאָל דערהערט זיך ווי אַ טיר עפענט זיך אונטען. אַלע קינדער צושראָקען.*

**אסתר:**

מען געהט.

**יוסעלע:**

ווער געהט עס?

**פּעסעלע:**

איך הער אויך!

**אסתר:**

*ששש... ששש...*

**יוסעלע:**

מען באַדאַרף אויסלעשען דעם לאָמפּ.

**פּעסעלע:**

ניין. מען באַדאַרף נישט. איכ'ל האָבען מורא.

**חנה'לע:**

איך האָב מורא!

אסתר:

לעשט אויס דעם לאָמפּ.

יוסעלע:

איך הער גאָר ניט.

אסתר:

ששש...

פעסעלע:

אפשר איז טאַקי אימעצער געשטאַנען הינטער'ן טיר און געהערט וואָס מיר האָבען אָפּגערעדט צו טאָן?

יוסעלע:

איך הער גאָר ניט.

אסתר:

איך אויך ניט.

יוסעלע:

אפשר איז דאָרט גאָר קיינער ניטאָ — איך גיי געבען אַ קוק.

אסתר:

וואַרט, וואַרט, לאָמיר וואַרטען.

אַלע הערען זיך צו.

פעסעלע:

אז קיינער איז ניטאָ. טאָ לאָמיר שוין גיין.

יוסעלע:

קומט, מיר וועלען אוועקגיין שטיל.

אסתר:

איך וועל אליין זען. קיינער גייט ניט. אונז האָט זיך אויסגעדאַכט. קיינער איז ניטאָ. ס'האָט געמוזט זיין די קאַץ, און אפשר דער הונט גאָר.

פעסעלע:

קום נאָר שטיל. נעהם מיך פאַר'ן האַנט, און איך וועל נעהמען חנה'לען פאַר'ן האַנט.

**אסתר :**

חנה׳לע, וואו ביסטו? קום וועל איך דיר געבען א קוש.

שטיל אַ ווײלע. מען הערט ווי די קינדער גנב׳ענען זיך ארויס פון צימער. אַ זייגער הויבט אָן צו שלאָגען.

---

# צווייט בילד

זומער. אַ גרינער, בליהענדיגער טאָל צווישען הויכע בערג. פון מזרח־זייט קוקט ארויס אַ טיף־בלויער וואַלד. צופוסענס פון די בערג קליינע בוימערלאך, ציהען זיך אַלץ העכער און העכער צו די בערג ארויף, אַזוי ווי זיי וואָלטען געוואָלט דערגרייכען דעם הימעל. שטיל.

**די זון קלייבט זיך צו פארגעהן.**

## אַ מענש:

הויך, געזונד און יונג, מיט אַ פויגעל־שטייג אין האַנט, קומט אָן פון אַ זייטיגען וועג. נאָך איהם שפּרייזט נאָך אַ גרויסער געלער שווייגעדיגער הונט. דער מענש באַטראַכט די ביימער און פייפט צו די פויגעל. פויגעל פליהען איבער פון בוים צו בוים. אַנדערע ענט־פערען איהם מיט אַ „צוויטיך־צוויטיך". ווערט פארשוואונדען ערגעץ צווישען שטיינער.

## אסתר:

קומט אָן. באטראכט די בערג מיט גרויס בענקשאַפט. עס דער־הערט זיך אַ פויגעל געשריי אין וואַלד. זי דערשרעקט זיך. רייסט בלימעלאך און קוקט זיך ארום, ווי זי וואָלט אומגעדולדיג אויף אימעצען געוואַרט.

## יוסעלע:

קומט אָן.

## אסתר:

יוסעלע!

## יוסעלע:

ביסט שוין לאנג דאָ?

אסתר :

**איך בין שוין דאָ איינמאָל געווען, איך האָב מורא געהאַט, אז** איהר וועט ניט קומען, בין איך ארוים צום וועג אייך זוכען.

יוסעלע :

איך בין אזוי פארמאַטערט.

אסתר :

וואו זיינען די קינדער?

יוסעלע :

זיי געהען.

שרייט.

**פעסעלע! חנה׳לע! גיכער קומט אהער. דאָ איז אסתר!**

פעסעלע :

קומט און פיהרט פאר׳ן האַנט חנה׳לען.

חנה׳לע :

לויפט צו אסתר׳ן. ווישט די אויגען.

עס איז געווען אזא גוטע וועווערקעלע.

יוסעלע :

מיר געהען אויפ׳ן וועג, זעה איך א וועווערקעלע מיט ווייסע **אויערלאך. וויל איך עס כאַפּען, לויף איך, און וואָס גיכער** איך לויף, גיכער לויפט דאָס וועווערקעל.

אסתר :

אָבער אזוי שפּעט!

פעסעלע :

ער האָט פארפירט אויף א ניט גלייכען וועג.

חנה׳לע :

דאָ איז אויך פאראן וועווערקעלאך?

אסתר :

זעהסט, סאַרא הויכע בערג.

חנה׳לע :

זיי זיינען אזוי הויך. איך קען ניט אריבערקוקען.

אסתר:

זיי זיינען אונזערע גרויסע ברידער און גרויסע שוועסטער.

יוסעלע:

קוקט זיך ארום.

וואו איז יענער גרויסער, גאר גרויסער שטיין, וואס דו האסט געזאגט?

אסתר:

זוכט.

איך ווייס ניט. ניטא איהם.

יוסעלע:

אפשר איז ער גאר דא ניט געווען?

אסתר:

באווייזט אויף א בארג.

אט יענער בארג איז דא געווען. איך געדענק איהם.

יוסעלע:

זעה, דארטען איז דער וואלד, וואס דו האסט אונז דערצעהלט

חנה'לע:

קלייבט בלומעלאך.

פעסעלע:

שענע בוימער. זיי זינגען און רעדען אויך?

אסתר:

אז די זון איז הויך אין הימעל יעמאלט זינגען זיי, אפשר.

פעסעלע:

זיי וויינען אויך?

אסתר:

איך טראכט, אז א שטורם קומט און דער בייזער ווינט ברעכט די צווייגען, וויינען זיי.

פעסעלע:

ווער גיט זיי עסען?

אסתר:

די ערד.

פעסעלע:

פאַרוואָס עסען מיר ניט פון דער ערד?

יוסעלע:

ליגט זיך אויף דער ערד. זינגט.

ערד, ערד, גיב מיר עסען!

ערד, ערד, גיב מיר עסען!

אַלע לאַכען.

חנה'לע:

קומט מיט בלימעלאַך אין די הענט. טיילט.

נאַ דיר אַ בלימעלע; נאַ דיר אַ בלימעלע און דיר אויך.

יוסעלע:

געהט אַוועק צווישען די בוימער. פאַרשווינט. די קינדער זעצען זיך אויפ'ן גראָז.

אסתר:

שרייט.

ניט געה אַוועק ווייט...

פעסעלע:

שטיל צו אסתר'ן.

אפשר נעכטען ביינאַכט אַז מיר וואָלטען זיך ארויסגעגנב'ט, אפשר וואָלטען מיר שוין דיין מאַמען געפונען. ניט באַדאַרפט זיך דערשרעקען. קום לאָמיר זי איצטער געהן זוכען. איך וועל געהן רופען יוסעלען ער זאָל אויך געהן העלפען זוכען.

אסתר:

איך האָב שוין פריהער דאָ געזוכט אומעטום. איך האָב גערופען און געוויינט.

פעסעלע:

האָסט גאָר ניט געזעהן?

אסתר:

מיין מאַמע איז אין הימעל, טראַכט איך.

חנה'לע:

אזא הויכער הימעל דאָ!

פעסעלע:

טאָ וואָס וועט זיין?

אסתר:

איך וועל אפשר וויינען, וויינען, און גאָר שטאַרבען.

פעסעלע:

וואָס דו רעדסט!

אסתר:

יא, איך טראַכט, אז כ'וועל אפשר שטאַרבען.

פעסעלע:

איך טראַכט טאַקי אויך, אז זי איז פון הימעל געקומען צו דיר אין חלום; פון גן עדן געקומען מסתמא.

אסתר:

יא, אפשר בין איך גאָר געווען אין הימעל?

פעסעלע:

ווען?

אסתר:

יעמאָלט. איז זי געקומען צו מיר ביינאַכט און גענומען אויפ'ן הימעל.

פעסעלע:

האָסט באַדאַרפט זאָגען: מאַמע, קום אַראָפּ פון הימעל. און זי וואָלט אפשר געפאָלגט. געדאַרפט איהר זאָגען, אז דו וויינסט.

אסתר:

אפשר האָב איך עס איהר געזאָגט. זי איז געווען מיט ווייסע פליגלען.

חנה'לע:

קען איך ווערען א מלאך?

פעסעלע:

הער אויף, חנה'לע.

אסתר:

איינמאָל איז זי געקומען מיט קליינע קינדערלאַך, אלע אין ווײ־

סען אַנגעטאָן; שטעלען זיך אַרום אַרום מיין בעט און האַלטען זיך ביי די הענט.

פּעסעלע:

האָבען זיי געהאַט פליגעלאַך אויך?

אסתר:

יאַ.

פּעסעלע:

יעמאָלט האָסטו איהר באַדאַרפט זאָגען, אַז זי זאָל שוין ניט אַוועקגעהן.

חנה'לע:

איך וויל זעהן אַ מלאך.

פּעסעלע:

אפשר זאָלען מיר נאָך זוכען הינטער די שטיינער. יאַ, אסתר?

אסתר:

איך האָב מורא.

חנה'לע:

ווען וועל איך זעהן אַ חלום?

פּעסעלע:

הער אויף, חנה'לע! וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט, אסתר? בעסער זיי דו אונזער מאַמע, און מיר וועלען זיין דיינע קינ־דערלאַך. איך וועל זאָגען יוסעלען.

אסתר:

אַז איך אַליין בענק אַזוי נאָך מיין מאַמען. איך וועל אפשר באַלד וויינען.

פּעסעלע:

לאָמיר גאָר אַרויפקריכען אָט אויף יענעם באַרג, און קוקען אַרום און אַרום, אפשר וועלען מיר זי דערזעהן.

אסתר:

איך האָב מורא.

זי ווישט די טרערען. ביידע קינדער קושען זי אָן ווערטער.
עס דערטראָגט זיך יוסעלע'ס געשריי. די קינדער דערשרעקען זיך. אַלע קוקען זיך אַרום.

**אסתר:**

ווער איז דאָרט?

**פעסעלע:**

*שרייט.*

יוסעלע, וואו ביסטו?

**יוסעלע:**

*שרייט פון א בוים אראפ.*

דאָ בין איך!

**אסתר:**

וואָס טוסטו דאָרט?

**יוסעלע:**

איך הענג.

*זיי לויפען אלע צום פלאץ פון וואַנעט דער קול הערט זיך.*

**פעסעלע:**

*דערזעהט איהם אויפ'ן בוים.*

וואָס טוסטו דאָרט?

**חנה'לע:**

איך האָב מורא. גאָט נעמט איהם צו אויפ'ן הימעל.

**אסתר:**

וואָס האָסטו געקראָכען אהין?

**יוסעלע:**

איך האָב געוואָלט קוקען ווייט, אפשר וועל איך דערזעהן דיין מאמען.

**אסתר:**

אוי, יוסעלע, וואָס האָסטו געטאָן?

**פעסעלע:**

קום אראָפּ.

**אסתר:**

ס'איז זעהר הויך. איך ווייס ניט וואָס צו טאָן.

**פעסעלע:**

לאָמיר געהן אימיצען זוכען. ער קען ניט אראָפּ.

אסתר:

קום, פעסעלע, לאמיר לויפען אימעצען זוכען, מען זאל איהם אראפנעהמען. דו, חנה׳לע, זיי דא.

פארשווינדען בייםע.

חנה׳לע:

בלייבט אליין. קוקט אין דער הויך צו יוסעלען.

דיר איז גוט דארטען?

יוסעלע:

ענטפערט נישט.

חנה׳לע:

האסט געזעהן אסתר׳ס מאמע?

יוסעלע:

שווייגט.

חנה׳לע:

איך האב מורא פאר דיר.

יוסעלע:

פארוואס?

חנה׳לע:

דו רעדסט צו מיר נישט.

זי זעצט זיך אריין אין די גראז און קוקט ארויף.

חנה׳לע:

האסטו געזעהן איהר מאמען?

יוסעלע:

ניין.

חנה׳לע:

פארוואס האסטו געקראכען אהין?

יוסעלע:

ביסט א מיידעל, פארשטעהסט נישט.

חנה׳לע:

פארוואס בין איך א מיידעל?

יוסעלע:

הער אויף, אז ניט וועל איך שטארבען.

חנה׳לע:

איך וועל טאקי קענען געפינען איהר מאמען. דו ס׳ניט געדארפט קריכען אויפ׳ן בוים זוכען.

יוסעלע:

שווייגט.

חנה׳לע:

דו זעהסט שטערענדלאך?

יוסעלע:

ניין.

חנה׳לע:

גאָט זעהסטו?

יוסעלע:

זיי שטיל.

חנה׳לע:

מלאכים דאָרטען פאראנען?

יוסעלע:

שווייגט.

חנה׳לע:

איצטער וועט דער בוים וויינען.

יוסעלע:

וואָס?

חנה׳לע:

דו האָסט איהם צובראָכען.

יוסעלע:

ווער האָט עס דיר געזאָגט?

חנה׳לע:

אסתר האָט מיר געזאָגט.

יוסעלע:

שווייגט.

חנה׳לע:

דאָ פּאַראַנען בערען?

יוסעלע:

יאָ.

חנה׳לע:

איך האָב מורא. איך וויל אַהיים.

זי וויינט. מען דערהערט אַ הונט בילען און טריט וואָס דער־נעהענטערען זיך.

דער מענש וואָס איז שוין דאָ פריהער דורכגעגאַנגען קומט ווידער אָן. דער הונט לויפט פאָרויס און זוכט און שמעקט אימעצענס טריט. דער מענש דערזעהט די קינדער, באַטראַכט יוסעלען אויפ׳ן בוים. צולאַכט זיך.

חנה׳לע:

דאָס איז יוסעלע, מיין ברודער, ער וויל אַראָפּ.

דער מענש:

ווער האָט דיך אַרויפגעוואָרפען אויפ׳ן בוים?

חנה׳לע:

ער אַליין געקראָכען.

יוסעלע:

מיר האָבען אַ נייע מאַמע, אסתר איז איהר נאָמען. זיינען מיר געקומען זוכען איהר מאַמען.

דער מענש:

וואו איז זי?

יוסעלע:

זי איז געגאַנגען אימעצען זוכען מיך אַראָפּנעהמען פון בוים.

דער מענש:

אַז דו ביסט אַרויפגעקראָכען, באַדאַרפסטו קענען אַליין אַראָפּ־קריכען.

חנה׳לע:

זעהסט, ער הענגט.

דער מענש:

כאַ־כאַ־כאַ! וואָס טוט איהר דאָ אליין?

יוסעלע:

איך וויל אַראָפּ פון בוים.

דער מענש:

האַלט זיך שטאַרק ביז איך וועל אַרויפקריכען.

ער קלעטערט אַרויף און נעהמט יוסעלען צו זיך.

חנה׳לע:

כ׳האָב מורא פאַר׳ן הונט.

דער מענש:

בויגט זיך אַראָפּ צו חנה׳לען.

נו, גיב אַ האַנט, וועל איך דיך אַרויפנעהמען. אַט אזוי.

ער נעהמט זי אַרויף צו זיך.

חנה׳לע:

איך זעה אַ סך זאַכען דאָ.

יוסעלע:

דו קענסט נישט זעהן אַ מענשען אַט דאָרטען?

דער מענש:

וועמען זעהסטו, דו שטיפער?

יוסעלע:

אסתר׳ס מאַמע, איך זאָג דאָך דיר.

דער מענש:

קריך אַרויף אויפ׳ן שפּיץ פון בוים.

יוסעלע:

איך קען נים.

דער מענש:

לאַכט.

יוסעלע:

אויף די בערג קענסט אויך קריכען?

דער מענש:

יאָ.

יוסעלע:

אוי, דאָרטען געהט אסתר.

חנה'לע:

זי זוכט אונז.

יוסעלע:

ששש. לאָמיר שווייגען! מיר וועלען זעהן, צי זי וועט קענען אונז געפינען.

אַלע:

שווייגען.

אסתר און פעסעלע קומען צו נעהענטער צום בוים. זוכען.

פעסעלע:

וואו איז חנה'לע?

אסתר:

מיר האָבען זי דאָ געלאָזען.

פעסעלע:

אפשר איז דאָס גאָר ניט דאָ?

אסתר:

ניין. דאָס איז דער ריכטיגער אָרט; און אפשר געדענק איך ניט.

פעסעלע:

די געדיכטע צווייגען זיינען דאָ פריהער געווען?

אסתר:

יא. איך געדענק גוט.

פעסעלע:

און וואו איז דער בוים, אוואו יוסעלע איז געווען?

אסתר:

וואַרט, וואַרט. דאַכט מיר, אַז דאָס איז דער בוים.

פעסעלע:

אימעצער האָט נאָך זיי צוגענומען.

אַלע צולאַכען זיך אויפ'ן בוים.

אסתר:

איך האָב זיך אזוי דערשראָקען.

**פּעסעלע:**

זעה, אַלע אויפ׳ן בוים. עפּעס אַ פרעמדער מענש דאָרט. כ׳האָב מורא.

**חנה׳לע:**

מיר וואוינען דאָ אויפ׳ן בוים.

**דער מענש:**

קריכט אַראָפּ פון בוים. נעמט די קינדער אַראָפּ. צו אסתר׳ן.

דאָס ביסטו עס זייער מאַמע?

**אסתר:**

איך? ניין, ניט איך.

**דער מענש:**

וואו איז אייער מאַמע?

**אסתר:**

איך בין זייער מאַמע. איך האָב זיי זעהר ליב.

**דער מענש:**

גאָר אַ יונגע מאַמע. וואו איז דיין מאַמע?

**אסתר:**

מיר זיינען געקומען זוכען מיין מאַמען דאָ.

**דער מענש:**

פאַרוואָס דאָ? איז זי דאָ געווען?

**אסתר:**

דער מלאך האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז דאָ צווישען די שטיינער.

**דער מענש:**

אזוי גאָר... האָסטו גוט געזוכט?

**אסתר:**

איך וויים נישט, וואו צו זוכען.

**דער מענש:**

ווי אזוי זעהט אוים דיין מאַמע, אין דיר געראָטען?

**אסתר:**

דאָס וויים איך ניט.

דער מענש:

אויב אנ׳אלטיטשקע, זעה איך זי אמאָל דאָ.

אסתר:

ניין, זי איז ניט קיין אלטע. זי איז א גוטע. אפשר גאָר מיט פליגלען, ווי א מלאך.

דער מענש:

לאַכט.

נאַריש קינד.

אסתר:

כ׳האָב געזעהן אין חלום.

פעסעלע:

זי האָט אונז דערצעהלט.

דער מענש:

נעהמט חנה׳לען.

ווילסטו איך זאָל דיך אַרויפוואַרפען אויפ׳ן שפּיץ באַרג?

חנה׳לע:

דו ס׳נישט מעגען.

יוסעלע:

וואו איז דיין היים?

דער מענש:

זעהסט דאָרט ווייט יענעם באַרג? דאָרטען איז מיין היים.

פעסעלע:

זעהר ווייט.

יוסעלע:

פון וואַנעט ביסטו געקומען?

דער מענש:

פון הימעל.

אסתר:

פון הימעל גאָר...

יוסעלע:

האָסטו זיך ניט צוקלאַפּט אז דו ביסט אַראָפּגעפאַלען?

דער מענש:

ניין. איך בין אריינגעפאלען אין א ווייכען אָרט צווישען די שטיינער.

חנה׳לע:

דו האָסט זיך מיט וועמען צו שפּילען?

דער מענש:

איך שפּיל זיך מיט׳ן ווינט.

אסתר:

וואָס זאָגט דיר עפּעס דער ווינט?

דער מענש:

ער דערצעהלט פון קינדער וואָס בענקען נאָך זייערע טאַטעס און מאַמעס.

יוסעלע:

איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז מען קען זיך שפּילען מיט דעם ווינט. דו קענסט רעדען מיט די בערג אויך?

דער מענש:

יאָ. זיי דערצעהלען מיר פון צייטען ווען זיי זיינען נאָך געווען קינדער.

פּעסעלע:

איז לאַנג אז זיי זיינען געווען קינדער?

דער מענש:

זעהר לאַנג.

יוסעלע:

אז איך וואָלט געווען א גרויסער וואָלט איך ארויפגעקראָכען אויף יענעם הויכען בארג און פון דאָרטען וואָלט איך זיך אראָפּגעקייקעלט, אָט אזוי וואָלט איך זיך געקייקעלט.

קייקעלט זיך איבער די גראָז. אלע לאַכען.

אסתר:

ווייזט אויף די בערג.

אפשר האָסטו דאָרט אמאָל באַגעגענט מיין מאַמען?

**דער מענש:**

קום איך וועל דיך נעהמען צו מיר. איך וועל דיר געבען אנ׳־אנדער מאמען.

**אסתר:**

אנ׳אנדער מאמען? ניין. איך וויל מיין מאמען צוריק.

**דער מענש:**

צו יוסעלען.

דו שטיפער, קום מיט מיר קלעטערען אויף די בערג.

**אסתר:**

ער קען ניט אוועקגעהן.

**יוסעלע:**

איך וויל זיין מיט אסתר׳ן.

**דער מענש:**

ס׳ווערט נאכט. בעסער געהט אהיים.

**אסתר:**

איך קען ניט געהן אהיים אזוי...

**חנה׳לע:**

טוליעט זיך צו אסתר׳ן.

קום אהיים.

**אסתר:**

קוקט צום מענשען. צושראָקען אַ ביסעל.

האָסטו טאקי געזעהן מיין מאמען אין די בערג?

**דער מענש:**

אפשר געזעהן.

**אסתר:**

זי איז געווען ביי דיר אין שטוב?

**דער מענש:**

אפשר געווען.

עס ווערט טונקעלער. אַרום און אַרום ווערט אַלץ שטילער און שטילער. פויגעלאַך פליהען צו זייערע נעסטען אויגנס מיט אַ פעדע־רעל, ס׳אַנדערע מיט אַ ווערימעל. פון וואַלד ציהען שאָטענס.

דער מענש:

שטעהט שווייגענדיג, אנגעשפארט אן א בוים און בעטראכט די קינדער. — די קינדער אין א בינטעל זיצען אין גראז און קוקען צו איהם.

יוסעלע:

וואס וועט זיין?

דער מענש:

פאראנען א סך קינדער וואס בענקען נאך זייערע טאטעס און מאמעס. אפילו די בוימער, אז זיי פארלירען זייער מאמען, בענקען אויך.

א שטימע:

דערטראגט זיך פון די בערג.

הא — הא — הא — הא.

דער מענש:

ענטפערט.

הא־הא, איך געה, הא־הא, איך געה.

די קינדער:

פארוואונדערט.

ווער איז דאס?

דער מענש:

מיין ברודער. א גוטע נאכט, קינדערלאך!

פארשווינט.

יוסעלע:

נישטא איהם מעהר. ער איז אוועק.

פעסעלע:

ווער קען זיין דער מענש?

חנה׳לע:

איך האב מורא. איך וויל אהיים.

אסתר:

דאכט זיך אז כ׳האב דעם מענשען געזעהן.

**יוסעלע:**

וועןֿ?

**אסתר:**

יעמאָלט אין חלום.

**פּעסעלע:**

פאַרוואָס האָסטו ניט געפרעגט ביי איהם?

**אסתר:**

יאָ. ער איז געזעסען אויף אַ שטיין און געקוקט ווי די מאַמע האָט מיך געהאַלטען און געקעמט מיינע האָר.

**פּעסעלע:**

וואוהין האָט ער געקאָנט געהן?

**אסתר:**

איך ווייס ניט.

**פּעסעלע:**

ווער קען זיין דער קול וואָס האָט איהם גערופען?

**יוסעלע:**

ער האָט געזאָגט, דאָס איז זיין ברודער.

**פּעסעלע:**

אסתר, וואָס ביסטו אַזוי צושראָקען?

**אסתר:**

איך ווייס ניט.

**יוסעלע:**

אפשר באַדאַרפט געהן מיט איהם. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ מאַמען פאַר דיר.

**פּעסעלע:**

אוי, אסתר וויינט.

די קינדער שטעהען אַרום איהר און קוקען זי שוויינענדיג אָן. קוקען ווי די טרערען פאַלען פון איהרע אויי'ען.

אַ שטימע פון אַ פרוי דערטראָגט זיך פון וואַלד.

הו־הא! הו־הא! הו־הא!

אסתר:

כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ חלום. מיט האַסטיגע טריט לאָזט זי זיך צום וואַלד.

יוסעלע:

אסתר! אסתר, וואוהין געסטו?

פעסעלע:

אסתר, לאָז אונז ניט איבער אליין.

יוסעלע:

ווער שרייט?

פעסעלע:

אפשר איז דאָס איהר מאַמע?

יוסעלע:

איהר בלייבט דאָ. איך וועל זי געהן זוכען.

לויפט צום וואַלד.

פעסעלע:

יוסעלע, ניט געה! איך האָב מורא אליין. וואָס זאָל איך טאָן?

חנה'לע:

וויינט.

איך וויל אהיים.

פעסעלע:

ס'איז פינסטער. איך ווייס ניט ווי צו געהן.

חנה'לע:

איך דיר ווייזען ווי צו געהן. איך וויל שוין אָבער גאָר שלאָפען.

פעסעלע:

וואָס וועט זיין טאָמער וועט יוסעלע זי נישט געפינען? לאָמיר זיך, חנה'לע, אוועקלייגען אין די גראָז און וואַרטען.

חנה'לע:

דו לייג זיך אזוי און איך וועל לייגען מיין קאָפּ לעבען דיר.

לייגען זיך ביידע אַוועק אין גראָז.

פעסעלע:

אָבער שלאָף ניט, חנה'לע.

**חנה׳לע:**

יוסעלע געהט נאָך ניט?

**פּעסעלע:**

מיר ווילט זיך גאָר אויך שלאָפן. איך האָב אָבער מורא, אַז יוסעלע וועט קומען וועט ער ניט וויסן, וואו אונז צו זוכען. וואָס וועט זיין, חנה׳לע?

**חנה׳לע:**

איך וויל שלאָפן.

טוליען זיך ביידע איין איינס צום אַנדערען.

**פּעסעלע:**

הויבט אויף דעם קאָפּ.

חנה׳לע?

**חנה׳לע:**

ענטפערט ניט.

**פּעסעלע:**

הויבט זיך אויף. געהט שטיל אַוועק אָן אַ זייט, רופט: יוסעלע! יוסעלע! באַקומט נישט קיין ענטפער. קומט זי שטיל צוריק צום פּלאַץ וואו חנה׳לע ליגט. גיט איהר מוטערליך אַ קוש און לייגט זיך לעבען איהר אַוועק. שטיל. די נאַכט האָט זיך שוין אויסגעברייט אַרום וואַלד אין מזרח־זייט.

---

## דריט בילד

דער איגענער פלאַץ וואָס אין צווייט בילד. עס פאַרנעהמט זיך אויף טאָג. שטיל. פון דאָ און דאָרטען הערט זיך אַ געטרילער פון פויגעל.

חנה׳לע און פעסעלע

ליגען צוגעטוליעט איינס צום אַנדערען צווישען גראָזען נעבען אַ בוים.

א קינדער שטימע:

פון ווייטען רופט.

מאַמע! מאַמע!

חנה׳לע:

כאַפּט זיך אויף.

מאַמע! מאַמע! רייבט די אויגען, קוקט פאַרוואונדערט.

דאָס איז גאָר דאָ! פעסעלע! פעסעלע!

פעסעלע:

כאַפּט זיך אויף.

וואָס איז?

חנה׳לע:

שטעה אויף, פעסעלע, שטעה אויף!

פעסעלע:

שטעהט אויף שטאַרק פאַרשלאָפען.

וואו בין איך?

חנה׳לע:

מיר זיינען דאָ, אין טאָל.

פּעסעלע:

אין טאָל? אוי, איך האָב מיר גאָר פאַרגעסען.

חנה׳לע:

איך האָב דאָ אויך געשלאָפען.

פּעסעלע:

זעה דאָרטען, ס׳אַראַ שענקייט!

חנה׳לע:

וואָס איז דאָרטען?

פּעסעלע:

דאָס איז די זון. זי קומט צו אונז.

חנה׳לע:

ביינאַכט איז געוועזען אַזוי פינסטער.

פּעסעלע:

דו האָסט געוויינט און איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו טאָן.

חנה׳לע:

אימעצער האָט געוויינט ביינאַכט. אסתר׳ס מאַמע האָט געוויינט.

פּעסעלע:

ניין, דאָס איז געוועזען דער ווינט.

חנה׳לע:

דער ווינט? ווער האָט עס דיר געזאָגט?

פּעסעלע:

איך ווייס שוין. ער באַהאַלט זיך דאָרטען אין דער הויך אויף די בערג און אַז עס איז שטיל אַרום, קומט ער אַראָפּ און אַז זיין מאַמע איז ניטאָ, וויינט ער.

חנה׳לע:

דער ווינט האָט נישט קיין מאַמען.

פּעסעלע:

טאָ ווער האָט געוויינט?

חנה׳לע:
איך טראַכט טאַקי ווער עס האָט געוויינט. אוי, אסתר געהט!

אסתר:
קומט אָן פון אַ זייטיגען וועג. די האָר צו־וואָרפען. זעהר צוטומעלט. זוכט.

פעסעלע:
אסתר, אסתר, אָט זיינען מיר!
לויפען ביידע איהר אַנטקעגען.

אסתר:
קושט די קינדער.
איך האָב אייך אַזוי פיל געזוכט...

פעסעלע:
מיר זיינען דאָ געוועזן.

חנה׳לע:
איך האָב אַזוי געהאַט מורא אָהן דיר.

אסתר:
קושט זיי.

חנה׳לע:
וואו איז דיין מאַמע?

פעסעלע:
דו האָסט געפונען דיין מאַמע?

אסתר:
טרויעריג.
איך קלער, אַז איך וועל זי שוין נישט געפינען.

פעסעלע:
ווער איז געוועזן דער קול, וואָס האָט נעכטען דיך גערופען?

אסתר:
איך ווייס ניט.

פעסעלע:
דו האָסט דאָך געלאָפען צו דיין מאַמען.

אסתר:

איך האָב געלאָפען צו דעם קול, איז דאָרטען מיין מאַמע נישט געווען.

פעסעלע:

וואָס האָסטו געטאָן?

אסתר:

איך האָב פארבלאָנדזשעט אין וואלד און ניט געקענט געפינען דעם וועג צוריק. איך בין געגאַנגען און געגאַנגען גאָר לאַנג און איך האָב געוואָלט אַזוי שלאָפען. ווען איך האָב זיך אויפ־געכאַפּט, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך זוך אייך. וואו איז יוסעלע?

די קינדער כאַפּען זיך ערשט אַז יוסעלע איז ניטאָ.

פעסעלע:

גאָר ניטאָ יוסעלע?

אסתר:

איז ער ערגעץ אַוועק?

פעסעלע:

ניין.

אסתר:

וואו זשע איז ער?

פעסעלע:

איך ווייס.

אסתר:

וואָס? זאָג גיכער.

פעסעלע:

אַז דו ביסט ביינאַכט אַוועק אין וואלד, איז ער געגאַנגען דיך זוכען.

אסתר:

ער איז נישט געקומען צוריק?

פעסעלע:

ניין. איך האָב גאָר פארגעסען, אַז ער איז נישטאָ.

אסתר:

קומט, מיר וועלען איהם געהן זוכען.

חנה׳לע:

ער איז נאָך אויפ׳ן הימעל.

אסתר:

דו, פּעסעלע, געה אין יענעם זייט, זוך צווישען די שטיינער, איך וועל געהן מיט׳ן וועג צום וואלד, און חנה׳לע וועט בלייבען דאָ.

חנה׳לע:

וואָס זאָל איך טאָן?

אסתר:

זייַ דאָ און וואַרט אויף אונז. זאָלסט אין ערגעצען נישט אוועק. מיר וועלען קומען באַלד צוריק.

ביידע פאַרשווינדען.

חנה׳לע:

בלייבט אַליין. זיצט צווישען די גראָזען. שרייט.

יוסעלע! יוסעלע! וואו ביסטו?

דער ווידערקול:

וואו ביסטו?

חנה׳לע:

איך בין דאָ.

אַן אַלטע פרוי באַווייזט זיך. זינגט. קלייבט עפּעס צווישען די גראָזען. רייסט גרינסען און לייגט אין שירץ אַריין. מערקט חנה׳לען געהט צו איהר.

די אַלטע:

וואָס? גאָר אַליין?

חנה׳לע:

דערשרעקט זיך.

ווער ביסטו?

די אַלטע:

נישט האָב מורא.

חנה׳לע :

דו ביסט אסתר׳ס מאמע ?

די אַלטע :

לאַכט.

אַ מאמע. נישט האָב מורא.

חנה׳לע :

אסתר און פעסעלע זיינען אוועק זוכען מיין ברודער.

די אַלטע :

וואו איז ער ?

חנה׳לע :

ער איז ניטאָ.

די אַלטע :

ווי איז זיין נאָמען ?

חנה׳לע :

יוסעלע איז זיין נאָמען.

די אַלטע :

ווי רופט מען דיך ?

חנה׳לע :

חנה׳לע.

די אַלטע :

אַ שענער נאָמען...

חנה׳לע :

איך וויל עסען.

די אַלטע :

ווילסט עסען ? ווארט, איך האָב אַן עפעל.

נעמט אַרויס פון שירין אַן עפעלע און גיט חנה׳לען.

די אַלטע :

אַזוי גאָר אַליין ? דיר איז נישט קאַלט ?

חנה׳לע :

מיר איז ניט קאַלט.

די אַלטע:

א זיסער עפּעלע?

חנה׳לע:

ס׳איז א גוטער עפּעלע.

קייט געשמאַק.

די אַלטע:

וואָס האָבען זיי דיך געלאָזען גאָר אליין?

חנה׳לע:

איך האָב ניט קיין מורא.

די אַלטע:

דאָ געשלאָפען ווייזט אויס.

חנה׳לע:

אסתר מיט פּעסעלען זיינען געגאנגען זוכען יוסעלען.

די אַלטע:

קושט חנה׳לען.

חנה׳לע:

ווייזט אויפ׳ן שירץ.

וואָס האָסטו דאָרטען?

די אַלטע:

דאָ קלייב איך גראָזען.

חנה׳לע:

פאר וועמען?

די אַלטע:

פאר קראנקע קינדערלאך.

חנה׳לע:

אוואו זיינען די קראנקע קינדערלאך?

די אַלטע:

פאראנען קראנקע מאמעס. פאראנען קראנקע קינדערלאך.

חנה׳לע:

איך וויל ניט זיין קראנק.

די אַלטע:

נאָך ווי פאַראַנען קראַנקע קינדערלאך.

חנה׳לע:

דו קענסט דערצעהלען א מעשה?

די אַלטע:

א מעשה? שאַ לאָמיר זיך טאַקי דערמאָנען. יאָ כ׳האָב מיר שוין דערמאָנט. געווען אמאָל א מאַמע, האָט זי געהאַט א קליי־נע מיידעלע, וואָס מען האָט גערופען פויגעלע, מיט בלויע אוי־געלאך ווי דער הימעל. פויגעלע האָט האָלט געהאַט איהר מאַמען זעהר שטאַרק. אמאָל איז צו איהר געקומען א מלאך און האָט זי גענומען אויף זיינע פליגלען און איז מיט איהר אוועקגע־פלויגען.

חנה׳לע:

וואוהין?

די אַלטע:

געפלויגען איז ער הויך, הויך און אריינגעפלויגען גלייך אין הימעל אריין.

חנה׳לע:

וואו איז די מאַמע?

די אַלטע:

די מאַמע איז אוועק זוכען איהר מיידעלע.

חנה׳לע:

זי געפונען?

די אַלטע:

זי געהט נאָך אַלץ ארום איבער דער וועלט און זוכט איהר קינד.

חנה׳לע:

איך וויל אהיים.

די אַלטע:

דיין ברודערל ווילסטו ניט געפינען?

חנה׳לע:

איך וויל מיין ברודער.

די אַלטע:

וואוהין איז ער גענאַנגען?

חנה׳לע:

זוכען אסתר׳ן.

די אַלטע:

וואוהין איז אסתר גענאַנגען?

חנה׳לע:

זוכען איהר מאַמען. האָט באַדאַרפט פון הימעל קומען צו איהר.

די אַלטע:

פון הימעל גאָר? כי־כי־כי! קום, מיר וועלען זי געהן זוכען.

נעמט חנה׳לען ביים האַנט. פאַרשווינדען.

פון איין זייט טאַל קומט צולויפען פעסעלע און פון אַנדערען זייט אסתר. ביידע באַגעגענען זיך. קוקען זיך אָן.

פעסעלע:

וואו איז ער?

אסתר:

איך ווייס ניט.

קוקען זיך אָן פאַרצווייפעלט.

פעסעלע:

ניטאָ יוסעלען. וואָס וועט זיין?

אסתר:

איך האָב איהם אין וואַלד געזוכט.

פעסעלע:

האָסטו איהם געפונען?

אסתר:

וואָס איז מיט דיר? ער וואָלט דאָך דאָ איצטער געווען, אז איך וואָלט איהם געפונען.

פעסעלע:

איך האָב איהם אויך צווישען די שטיינער געזוכט. ניטאָ איהם אין ערגעצען.

**אסתר:**

וואו איז חנה׳לע?

**פעסעלע:**

חנה׳לען אויך ניטא!...

**אסתר:**

מיר האבען זי דא געלאזט זי זאלווארטען אויף אונז.

**פעסעלע:**

כ׳האב מורא!

**אסתר:**

וואס שטעהסטו אזוי? כ׳האב שוין אויך באלד מורא.

**פעסעלע:**

ווישט די טרערען.

וואס זאל איך טאן?

**אסתר:**

מען באדארף זי געהן זוכען. קום, הער אויף צו וויינען.

פארשווינדען.

**די אלטע:**

באווייזט זיך. פירט חנה׳לען ביים האנט.

הויכע גראז דא. זעה... פאמעלאך. אט אזוי שטעל א פיסעלע, אט אזוי.

**יוסעלע:**

זיין קול דערטראגט זיך ערגעץ פון דער טיף פון צווישען די בוימעלאך.

איך בין ניט שולדיג. ניט שלאג! איך בין ניט שולדיג!...

**די אלטע:**

הערט זיך צו.

ווער שרייט עס?

**חנה׳לע**

יוסעלע.

**די אלטע:**

געהט אהין פון וואנעט די שטימע קומט. נעמט פאנאנדער די צווייגען.

ס׳איז דאָ אזוי געדיכט. שווער צוצוקומען. הא! דאָ איז ער. שלאָפט געשמאַק.

*וועקט איהם.*

שטעה אויף. ס׳איז שוין טאָג. די זון איז שוין הויך. שטעה אויף!

**יוסעלע:**

*שרייט.*

ניט שלאָג! איך בין ניט שולדיג!

**די אַלטע:**

קיינער שלאָגט דיך ניט. שטעה אויף.

**חנה׳לע:**

אוי, יוסעלע, דו ביסט גאָר דאָ. גיכער שטעה אויף. אסתר איז געקומען.

**יוסעלע:**

*שטעהט אויף. רייבט די אויגען.*

וואו בין איך?

**די אַלטע:**

דאָ אין טאָל.

**יוסעלע:**

ווער ביסטו?

**חנה׳לע:**

איך בין חנה׳לע, זעהסט?

**יוסעלע:**

*לאַכט.*

דו ביסט טאַקי חנה׳לע?

**די אַלטע:**

וואָס האָסטו אזוי געשריגען?

**יוסעלע:**

*לאַכט.*

ס׳איז גאָר מסתמא א חלום געווען.

חנה'לע:

איך וויל אסתר'ן און פעסעלען.

יוסעלע:

אסתר איז נאָך ניטאָ?

הנה'לע:

אסתר איז געקומען צו אונז אין דער פריה.

יוסעלע:

וואו איז זי?

די אַלטע:

געגאנגען דיך זוכען.

יוסעלע:

די זון איז אַזוי ליכטיג.

חנה'לע:

דער הימעל איז געווען רויט.

די אַלטע:

קלייבט גראָזען אָן אַ זייט.

אסתר און פעסעלע קומען אָן. ביידע פאַרווייינט.

חנה'לע:

אָט איז אסתר.

לויפען זיי אַנטקעגען.

אסתר:

נעמט ארום יוסעלען.

וואו ביסטו געווען?

יוסעלע:

געשלאָפען.

פעסעלע:

ווישט די טרערען.

דו ביסט אַ שלעכטער. מיר האָבען דיך אַזוי פיל געזוכט או

דו ביסט געשלאָפען.

יוסעלע:

איך האָב ניט געוואוסט, אַז איך בין ניטאָ.

אסתר:

מיר האָבען דיך אַזוי פיל געזוכט.

יוסעלע:

איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איך שלאָף דאָ.

חנה'לע:

ער האָט געשריגען פון שלאָף.

אסתר:

וואָס האָסטו געשריגען?

יוסעלע:

עס חלום'ט זיך מיר, אַז איך געה אין טיפען וואַלד דיך זוכען. געה איך, און די שטערען געהען מיר נאָך, און אַלע בוימער פון וואַלד געהען מיר נאָך. אַלע בערען האָבען זיך דערוואוסט, אַז איך בין אין וואַלד, האָבען זיי אַלע ארוים פון זייערע לעכער און לויפען מיר נאָך. אָט באַלד כאַפּען זיי מיר. שפּרינג איך פון בוים צו בוים, פון באַרג צו באַרג, און די שטערען טאַנצען און לויפען מיר נאָך. די בערען אָט כאַפּען זיי מיר. איך האָב שוין מעהר קיין כח ניט צו שפּרינגען. לאָזט זיך אַראָפּ דער הימעל. איך זעה אַ טיר עפענט זיך פון הימעל און אַז גאָט שטעהט מיט זיינע מלאכים און רופט מיר, איך זאָל אַריין. איך נעם קריכען, שרייט איין בער צו מיר: — וואַרט, מיר וועלען דיך כאַפּען און ווייזען ווי צו קריכען אויפ'ן הי־מעל!... שריי איך — איך בין ניט שולדיג — ניט שלאָג — איך בין ניט שולדיג!...

פּעסעלע:

ווען מיר זיינען געגאַנגען דיך זוכען, האָבען מיר חנה'לען גע־לאָזט דאָ וואַרטען און אַז מיר זיינען געקומען צוריק, איז זי דאָ ניט געווען. איך האָב אַזוי געוויינט...

אסתר:

חנה'לע, וואו ביסטו פריהער געוועוען?

חנה'לע:

ווייזט אויף דער פרוי, וועלכע קלייבט איצטער צווישען די

גראָזען אָן אַ זייט.

יענע מאַמע האָט מיר אַ עפּעלע געגעבען און אַ שענע מעשה דערצעהלט.

אסתר :

אוי, ווער איז די פרוי ?

חנה'לע :

זי איז אַ גוטע.

אסתר :

וואָס קלייבט זי דאָרטען צווישען די גראָזען ?

חנה'לע :

איך ווייס — דאָס קלייבט זי גראָזען פאַר קראַנקע קינדערלאַך, זי האָט מיר געזאָגט.

פּעסעלע :

ווער קען זי זיין ?

חנה'לע :

זי איז ניט דיין מאַמע, אסתר ?

אסתר :

מיין מאַמע דאַרף זיין אַ יונגע. זי איז אַ אַלטע.

פּעסעלע :

אפשר איז זי דיין מאַמע ?

יומעלע :

פאַרוואָס האָסטו נעכטען אַנטלאָפען פון אונז ?

אסתר :

איך האָב געמיינט, איך וועל דאָרטען מיין מאַמען געפינען. איך האָב אַזוי פיל געזוכט. איך האָב געפרעגט ביי די שטערען און ביי די שטיינער, אפשר ווייסען זיי, וואו מיין מאַמע איז. נאָר זיי האָבען מיר גאָר ניט געזאָגט. שווייגען און מעהר ניט.

פּעסעלע :

דו האָסט ניט געהאַט מורא אין וואַלד ?

אסתר:

געהאט מורא.

יוסעלע:

האסט אומעטום געזוכט?

אסתר:

יא. איך האב געזוכט צווישען די גראזען. זיי האבען אלע זיך געוויגט און געשווייגען. איך האב אין אלע צווייגען פון די בוימער אריינגעקוקט און דארטען איז אויך געווען שטיל. אלע פויגעל האבען געשלאפען און זיי האבען ניט געוואוסט, אז איך זוך מיין מאמען.

יוסעלע:

וואס האסטו געטאן?

אסתר:

איך וויים ניט. איך בין געווען אזוי מיד. איך האב זיך געלייגט שלאפען אין די גראזען, און מיין מאמע איז געקומען צו מיר ביינאכט.

פעסעלע:

האסטו זי געזעהען?

אסתר:

יא.

פעסעלע:

זי האט גערעדט?

אסתר:

זי האט געזאגט, אז זי איז אין הימעל און אז איהר איז גוט דארטען, אז איך זאל ניט וויינען. זי זאגט, אז זי איז שטענדיג מיט מיר. נאר איך וויים, אז איך וועל שוין קיינמאל ניט האבען מיין מאמען...

די אלטע:

געהט צו צו די קינדער.

ס'איז דא היינט א סך גראזען פאראנען. שענע קינדערלאך. נאר אליין?

**אסתר :**

ווער ביסטו ?

**די אַלטע :**

ניט שרעק זיך, מיין קינד. אַ גוטער מענש.

**חנה׳לע :**

דו ביסט אַ מאַמע ?

**די אַלטע :**

געווען אַמאָל אַ מאַמע.

**אסתר :**

און איצטער ?

**די אַלטע :**

גאָרניט איצטער. קינדער געהען פון מאַמעס אַוועק און מאַמעס פון קינדער. כּי־כּי־כּי !

**פעסעלע :**

מיר זיינען געקומען זוכען אסתר׳ס מאַמע.

**די אַלטע :**

וואָס פאַר אַ מאַמען ? איז זי דאָ מיט אייך געווען ?

**אסתר :**

ניין. מיין מאַמע איז געשטאָרבען. איך האָב שטאַרק געוויינט, איז אַ מלאך געקומען צו מיר אין חלום און זאָגט, אַז דאָ אין טאָל צווישען די שטיינער וועל איך מיין מאַמען געפינען.

**די אַלטע :**

ס׳איז געווען אַ חלום ! כּי־כּי־כּי !

**אסתר :**

דער מלאך האָט מיר געזאָגט.

**די אַלטע :**

אז דיין מאַמע איז געשטאָרבען איז זי דאָך אין גן־עדן.

**אסתר :**

דער מלאך האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט פון הימעל אַהער אַראָפּ צו מיר.

די אַלטע:

מיין קינד, דיין מאַמען איז גוט דאָרטען אין הימעל.

אסתר:

און איך וועל זי מעהר קיינמאָל ניט זעהן?

די אַלטע:

דיין מאַמע איז דאָך ביי דיר אין הארצען, ווייסט ניט?

אסתר:

אָבער דער מלאך האָט מיר געהייסען געהן אהער. דאָ, זאָגט ער, צווישען די הויכע שטיינער איז מיין מאַמע.

וויינט זיך פאַנאַנדער.

פעסעלע:

וואָס וויינסטו, אסתר?

די אַלטע:

נעם, מיין קינד, די קינדער און געה מיט זיי אהיים. זיי בענקען נאָך דער היים.

אסתר:

זיי בענקען?

חנה'לע:

איך וויל אהיים. איך וויל דער מאַמען.

אסתר:

איך האָב מורא. זיי זיינען אויך געגאַנגען מיט מיר זוכען מיין מאַמען.

די אַלטע:

פאַר וועמען האָסטו מורא?

אסתר:

וואָס וועט זייער מאַמע זאָגען?

די אַלטע:

וועט גאָר ניט זאָגען. קינדער פאַרשפּילען זיך.

פעסעלע:

מיר האָבען זיך ארויסגעגנב'עט פון דער היים. די מאַמע ווייסט ניט, אז מיר זיינען דאָ.

די אַלטע:

איהר ווייסט דעם וועג?

אסתר:

איך וויים דעם וועג גוט.

פעסעלע:

וואו איז יוסעלע?

אסתר:

ער איז דאָ אָט נאָר וואָס געוועזן.

די אַלטע:

א שטיפער א אינגעל. וואָס זאָגסטו?

אסתר:

שרייט.

יוסעלע! יוסעלע! וואו ביסטו?

יוסעלע:

קומט אַן.

וואָס ווילסטו?

פעסעלע:

ווייסט, יוסעלע, מיר געהען אהיים...

יוסעלע:

אהיים?

אסתר:

יוסעלע, מיר וועלען אלע געהן אהיים.

יוסעלע:

און דיין מאַמע? מיר זיינען דאָך געקומען געפינען דיין מאַמען!

אסתר:

מיין מאַמע וועט קיינמאָל ניט קומען צו מיר.

ווישט די טרערען.

יוסעלע:

איך האָב מורא צו געהן אהיים.

אסתר:

פאר וועמען?

יוסעלע:

פאר׳ן טאטען. פאר דער מאמען אויך. דא איז שען. איך וויל דא בלייבען.

חנה׳לע:

מיט טרערען אין די אויגען.

איך וויל צו דער מאמען.

די אלטע:

ניט האט מורא. איהר זייט גוטע קינדער. דער טאטע וועט אויף אייך ניט שרייען. נעמט זיך פאר די הענט, קינדערלאך.

די קינדער שווייגענדיג נעמען זיך פאר די הענט און לאזען זיך געהן. קוקען צו אסתר׳ן ווי די טרערען פאלען פון איהרע אויגען.

די אלטע:

קוקט זיי א צייט נאך. שמייכעלט גוטמוטיג.

כי־כי־כי! וואס קינדער קענען...

ע נ ד ע